STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04873

DI AGODE VEGN FLOR, AGRIPUS UN MNAKHEM DEM ZUN FUN YHUDE

Vladimir Galaktionovich Korolenko

Permanent preservation of this book was made possible
by Raymond & Jacquelyn Rosenberg
in memory of
Harold & Ruth Rosenberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. קאראלענקא. אידיש—ג. לוריע.

די אגאדע

וועגן פלאר, אגריפוס און מנאכעם דעם זון פון יהודע.

קאאפעראטיווער פארלאג „קולטור-ליגע".

קיעוו—1922.

פראפט. פאליגר. שול — קרעשט. 16
ע. צ. קיעוו. באשט. 55 — 2000 עקז.

I.

אין יענער צייט האָט זיך רוים דערהויבן מיט זיין מאַכט איבער אַלע פעלקער, און זיין הערשאַפט האָט זיך געשפּרייט איבער דער וועלט פון עק צו עק.

אין אייראָפּע האָבן די רוימער איינגענומען די האַלן, און די קרעפטיקע גערמאַנער, און די בריטן, וואָס זיינען אַ כּוּן דעם אָקעאַן אַרומגעצאַמט באַך מיט אַ וואַנט, און די בערגיקע שפּאַניע, וואָס איז מיט יאַמען אַרומגעגאַרטלט. און אויך גריכנלאַנד און די פעלקער פון אַרום פּאָנט האָבן אָנערקענט די מעמשאָלע פונם אָדלער.

אין אַפריקע, פון די הערקולעס-זיילן און ביז צום שוואַרצן יאַם, האָבן קאַרטאַגאָ און די אָנצאָליקע עפּיאַפער זיך אונטערגעגעבן דעם קויאַך פון געווער און גענומען אַף זיך צושטעלן שפּייז, וואָס מיט דעם האָט זיך דאָס רוימישע פאָלק גענערט אָכט כאַדאָשים נאָכאַנאַנד.

אין אַזיע האָבן פאַרן הערשער פון רוים פּופּציק שטעט זיך געבויגן, קוקנדיק אַף די ליקטאָרישע בינטלאַך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די קאָנסולן. מיצראַיִם און אַראַביע, די פעלקער פון אינדיע און די מידיאַנער, און די פּאַרטענער, און די שטאָלצע קירינייער, וואָס פירן זייער יכעס פון די לאַקעדעמאָנער, און די וואַרמאַרידער, און די מוירעדיקע סירטער, און די נאַסאַמאָנער, און די מאַוורן, און די נומידייער און פיל אַנדערע פעלקער האָבן, אוועקלייגנדיק דאָס געווער, זיך אונטערן יאָך געבויגן און געציטערט... געציטערט שוין ניט פאַר דער שווערד פון די זיגער, נאָר פאַר די בינטלאַך ליקטאָרישע ריטער, וואָס האָבן דערמאָנט די פעלקער אָן זייער שענדלעכער קנעכטשאַפט.

אַנשווייגן איז געוואָרן יעדער ווידערשטאַנד קעגן די באַצווינגער געפאַלן זיינען אין אָנמאַכט פון טויט די הענט פון די קעמפער, פאַרשלאָסן האָבן זיך די אויגן, וואָס האָבן אַף פרייהייט אויסגעקוקט, פאַרשטומט די שטימען, וואָס האָבן אין רוף צו פאַרטיידיקונג געקלונגען...

איבער דער וועלט, אין שרעק געליימטער, האָט אופגעפלאַטערט דער רוימישער אָדלער; די הערשאַפט פון רוים האט זיך געלייגט אַף דער פאַרקנעכטעטער ערד...

און שאָלעם איז אַף אַ צייט אַנגעשטאַנען אַף דער וועלט. אָבער ניט אופבליהונג האָט ער געטראָגן, נאָר שלעכטס. ניט דער אייל-בירט-בוים איז געוואַקסן אַפן פעלד פון לעבן, נאָר שטעכעדיקע דער-נער, ווייל דאס פעלד פון לעבן אהט ניט דער געבענטשטער רעגן באַ-גאסן, נאָר דער בלוטיקער שווייס פון קנעכטשאַפט, און איבער דער ערד איז פון איין עק ביז צום דעם אַנדערן געשטאנען דער קרעכץ פון די געדריקטע.

און דער שטאָלצער רוים האט זיך גענערט מיט די פרוכט פון קנעכטשאַפט, ווי יענער אָדלער, וואס נערט זיך מיט פלייש פון פגאָ-רים. פון די פרוכט האט זיך אַ גיפט צוגאָסן אין פאלק, און פרייער פאר אַלעמען זייגען פון אים פאַרסאַמט געוואָרן די הערשער אליין.

די ערשטע קייסאָרים, באַגעגענדיק א ווידערשטאנד פון די פעל-קער, וואָס האָבן נאָך ניט פאַרגעסן די פרייהייט, האָבן זיך אָפט געמוזט כאַפן צום סייכל, און מיט ווייכקייט האָבן זיי צוגעצויגן יענע, וואָס די הענט זייערע האבן נאָך מיט דער שווערד געקאָנט די פרייהייט פאַר-טיידיקן. מיט בלומען פון מענטשנפריינטלעכקייט האָבן זיי די קייטן פון קנעכטשאַפט פאַרדעקט, קדיי ניט דערוועקן אין די שטאָלצע זין פון פרייהייט דעם ווילן צו שטארבן אין שטרייט.

און דעריבער, אייננעמענדיק יהודע, האָבן זיי איבערגעלאָזט דעם פאָלק די אלטע געזעצן פון די אָוועס און די עמונע אין אייביקן גאָט און אַן אייגענע פארוואלטונג. און די קריגסלייט האָט מען אָנגעזאָגט, אז צום טויט וועלן פארמישפעט ווערן די, וואָס וועלן זיך דערוועגן אין בייס-האַמיקדאָש אריינרייסן.

נאָר אָט זייגען שוין אומעטום שטיל געוואָרן די אופרופן צום קאַמף פאר פרייהייט, ס'האָט אופגעהערט דער שטרייט קעגן דער גע-וואלט פון די באַצווינגער, די וועלט האָט זיך איינגעבויגן אין אָנ-מאַכט, נאָר וואו-ניט-וואו אומבאַהאָלפן טרייסלענדיק מיט די קייטן. און אזוי זייגען יאָרן פארביי. די רוימער האָבן זיך איינגעוואוינט באַ-

פעלן, די וועלט האָט זיך איינגעוואוינט צו פאָלגן. אין רוימס האַרץ האָט זיך צעוואקסן גאַדלעס און שטאָלץ. ער האָט געטראכט: „ווער וועט איצטער אַ האַנט אויפהויבן אַף מיין הערשאפט?” און געענטפערט: „קיינער נים!” און אין דער איבעריקער וועלט האָט די קנעכטשאַפט איינגעוואָרצלט די געוואוינשאַפט פון שרעק און נידעריקער כנופע.

און רוים האָט אין שטילשווייגן פון דער אלגעמיינער געפאלנקייט געברילט אַף דער גאַנצער וועלט, ווי דער רויבערישער לייב באַנאכט אין דער ליווישער מידבער. און די גאנצע וועלט, גלייך ווי א מידבער, האָט אין איימע פארנומען דאָס ברילן פונם רויבער, גוט געדיינקט די יסורים פון די פאָטערס, גאָר פארגעסן זייער העלדישן מוט.

און אין דער מאָס, וואָס בא די מעלקער איז אנשוויגן געוואָרן דער הייליקער געפיל פון צאָרן, איז בא רוים פארלאָרן געגאַנגען דער לעצטער פונק פון גלייכן פארשטאנד.

נאָך די קייסאָרים יוליוס און אווגוסטוס האָט זיך אפן טראָן געזעצט דער ווילדער טיבעריוס, און נאָך אים קאיוס—דער אומזיניקער, וואָס האָט געטרוימט אין דעם געשטאָלט פון רוים דער גאַנצער וועלט דעם קאָפ אָפהאַקן. און לסאָף, נאָך דעם כסאַר-דייץ קלאַוודיוס — האָט דער אכזאָריעסדיקסטער צווישן די מענטשן נעראָן געטראָטן אַלע געטלעכע און נאַטירלעכע געבאָטן פון דער הויך פון קייסערלעכן טראָן פאַר די אויגן פון דער גאנצער וועלט. „אָפן שפּיץ בארג האָט ער אופגעשטעלט אַ געלעגער פון זנוס”, געלאַכט איבער יוישער און גוטס און מיט בלוט פון אומשולדיקע אָנגעטרונקען די פארציטערטע ערד.

אין יהודע זיינען שוין לאַנג ניט געווען ניט דער מילדער פעטראָניוס, ניט אָפילע פילאַטוס, וואָס האָט אַמאל אַרויסגעטראגן פון דער הייליקער שטאָט די פאָנען מיטן קייסערס בילד, קדיי ניט פארשוועכן דעם פאָלקס געפילן. נאָר אַלבין, דער הערשער, אַ מענטש אַ דאָרשטיקער און אַ אַכזער, צו אַ רויצייאַך געגליכן, האָט געווילדעוועט איבער די אומבאַהאָלפענע, און ס'איז ניט געווען אַזאַ פאַרברעך, וואָס ער זאל ניט האָבן אָפגעטאָן, „זיינע שפּיזנטרעגער, באַשטימט די אָרדענונג צו האַלטן, האָט ער באַנוצט צו באַרויבן שטילע לייט; די פרייהייט פון וואָרט איז געווען אָפגענומען; אופהויבן אַ שטים פון פראָטעסט אָדער באַקלאָגן זיך האָט קיינער ניט געטאָרט אין דער צייט, ווען הערשער איז געווען זעער פיל”. קיינער האָט קיין מאָכט ניט געהאַט פארטיידיקן דעם גערעכ-

טיקן, אבער רויבן און באַליידיקן האָט געקאנט יעדער, וואָס האָט נאָר קראַפט פאַרמאָגט.

אַזוי איז געוואקסן די פּיין פון די, וואס האבן שווייגנדיק דעם יאָך געטראָגן.

אַזוי איז געוואַקסן די פּיין, נאָר די מאס איז נאָך ניט פול געוואָרן.

דער, וואָס האָט פאַרטראָטן אַלבינס שטעל, העססיוס פלאָר, האָט באַוויזן, אַז אין פארגלייך מיט אים האָט מען אויך אַלבינען געקאָנט רעכענען פאַר אַ גוטהאַרציקן. אין דער צייט, ווען אַלבין האט זיינע פארברעכנס אָפּגעטון שטיל, באהאלטענערהייד, האָט פלאָר זיך מיט זיי באַרימט, נאכטוענדיק געראָנען. אין פאַלן, וואו מע האָט געדאַרפט ראַכמים, איז ער געווען אוממענטשלעך; נידערטרעכטיקייטן אָבער און אַוולעס האט ער איבערגעלאָזט אָן שטראָף, איז אַליין געווען זייער אופּטוער און אונטערשטיצער.

אַזוי איז אפן באָדן פון שוואַכקייט געוואָקסן דער בוים פון געוואַלט און אפן באָדן פון געפאַלנקייט — די גאַווע. און ס'איז ניט געווען פאַרן פאלק קיין האָפענונג און קיין אויסגאַנג, ווייל די קוואַלן פון מישפּעט זיינען געווען פאַרמאַכט.

ס'האָט זיך געטראָפן, אַז פייסאַך איז אין ירושאלאַיִם געקומען קעסטיוס האַלל — דער הערשער פון סיריע, וואָס איז געווען מעכטיק בּאַ די רוימער. דענסטמאל האָט אַ גרויסער האמוין אידן אַרומגערינגלט דעם האר, מיט געשרייען און טרערן זיך געקלאָגט אָף די רדיפעס פון פלאָר און געבעטן גערעכטיקייט און שוץ.

און קעסטיוס איז געשטאַנען אָף דער בינע צווישן פאָלק, וואס האָט אויסגעשטרעקט צו אים זיינע הענט, און ער האָט געטראַכט.

ער איז געווען אַ שטרייגער קריגסמאַן און זיך ניט געשראָקן פאַרן טויט, נאָר פאַרן צאָרן פון זיינע הארן האָט ער מוירע געהאַט. זיין האַרץ האָט אין אים ניט געקלאפּט אָפטער, ווי געוויינטלעך, ב'אייס דער שלאַכט, און ס'האָט פונדעסטוועגן געציטערט פאַרן קייסערס אַ ניטגנעדיקן בליק. אַזוי זיינען די הערצער פון די, וואָס דינען דער געוואַלט.

און קעסטיוס האָט געטראַכט: אויב איך וועל זיי באַשיצן, קאָן איך פארלירן דעם כיין אין די אויגן פון נעראָן, ווייל פלאָר איז מעכטיק

באַם הויף, און נעראָן האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס עמעס הייסט. אויב איך וועל זיך ניט איינשטעלן, וועט די מאַס פונם פאָלקס געדולד פול ווערן, און דאָס פאָלק וועט אופשטיין. דענסטמאָל וועט פאָרקומען אַ בלוטפאַרגיסונג—און איך וועל מוזן פירן קעגן זיי מיינע לעגיאָנען. דאָס לעצטע איז גלייכער. לעגיאָנען זיינען געשאַפן צו שלאָגן זיך און אָפּהאַלטן ניצכוינעס.

און ווען ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט דאָס פאָלק צו אים גע־שטרעקט די הענט. און פלאָר איז געשטאַנען בא דער זייט און אָפן געלאַכט איבערן פאָלקס טרערן און האָפענונגען. ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן דאָ קיין גערעכטיקייט ניט געפינען.

באַפוילן דעם פאָלק אַנשוויגן ווערן, האָט קעסטיוס געזאָגט צבו־איש, אַז עס קאָן זיך באַרואיקן, ווייל אים איז באוואוסט, אַז פלאָר אַליין קלערט שוין אַרויסווייזן דעם פאָלק זיין כעסעד.

וועגן גערעכטן מישפּעט האָט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט. ער איז אָוועקגעפאָרן, און פלאָר האָט אים באַלייט ביז קיסריע קדיי אַרויס־ווייזן דערמיט זיין גוטגעניגטקייט צום האַר, וואָס איז געווען מיט אים אין איין דייע.

נאָכדעם האָט ער אַוועקגעשיקט אין ירושאָלאַים זיינע קריגס-לייט און געהייסן זיי נעמען זיבעצן טאַלאַנט פון די אויצרעס, וואָס אין בייס-האַמיקדעש, אין דעם טורעם מיטן נאָמען אַנטאָניאַ.

אָט דאָס איז געווען דער כעסעד פונם געוואַלדטוער. פלאָר האָט געשיקט זיין האַנט אין דער הייליקייט, פאַרטראַכט דעם בייס-האַמיק־דעש צו באַרויבן און דאָס גאַנצע פאָלק.

ס'איז געווען צווישן די דוימער איינער מיטן נאָמען אָוולוס קאָ־טולל, אַ סאַר איבער טויזנט. דאָס איז געווען אַ גרייזער קריגס-מאַן, וואָס האָט געדיינקט די ציימן פון די שטרייטגע. דאָך פאַרשטאַנדיקע פירער, זייערע שלאַכטן און מייסים... ווען ער האָט דעם מיין פון פלאָר דערזעען, האָט ער אופגעהויבן זיין קאָל פאַר די לעגיאָנען און אַזוי געזאָגט:

— צו געדיינקסטו, העססיוס פלאָר, צו וואָס מ'האָט דיך אין דאָס לאַנד אַהער געשיקט? צוליב דעם, דו זאָלסט דריקן דאָס פאָלק, און אַליין אָנקלייבן אשירעס אָדער, פאַרקערט — צו פירן דאָס לאַנד מיט כאָכמע און אַזוי אַרום אונטערהאַלטן די איינהייטלעכקייט פון דער אימ־פּעריע? ווען דאָס געפּלאָגטע פאָלק וועט אופשטיין, און נאָך אים וועלן

אופשטיין אויך אַנדערע—וואָס פאַר אַן ענפער וועסטו דאַן געבן פאַרן סענאַט?

אבער פלאר, פארשיקערט פון מאכט און פאראכטונג צו די אידן, האט אויסגעלאכט די ווערטער פון אַוולוס קאטולל און געזאגט:

— איך קען די אידן. אט דאס ניוזע פאָלק וועט אופשטיין קעגן אונז, די מוטיקע רוימער? ניין, די רוימישע מלוכע וועט פון זיי אפילע קיין ריר זיך ניט געבן. מער ניט—מיר, העלדן, וועלן קריגן גרינגן רויב: די אידן זיינען פאכדאנים און אין שטענדיקער מאכלויקעס. אויב אפילע זיי וועלן אופשטיין, וועט עס נאר שאפן אַ מעגלעכקייט בא א לייכטן ניצאכן זיך די הענט אנווארעמען אַן מוירע פארן קייסער און פארן סענאט. אויב אָבער זיי וועלן אלץ פארטראגן מיט זייער געוויינט-לעכן שטילשווייגן, וועלן מיר ארייננכאפן די אויצרעס פון בייס-המיקדעש און וועלן זיך אומקערן אַ היים רייך, איבערלאזנדיק פאר נייע לעגיאָנען צו זוכן זיך נייען רויב. רויב — איז דער גוירל פון העלדן, און דער גוירל פון געפאלענע איז צו ארבעטן פאר אַנדערע... דו, קאטולל, ביסט שוואך אין מוט, און דו ביסט דעריבער ניט ווערט צו קאָמאַנדירן מיט מענער, נאר דארפסט זיך שטעלן אין די רייען פון די פּאָשעטע קריגס-לייט, און אנדערע וועלן שוין פירן די לעגיאָנען צו רום.

דאַן האָבן זיך צווישן די רוימער דערהערט הילכיקע אויסגעשריי-ען, און כאטש עס זיינען געווען אויך קריגס-לייט, וואס האָבן קאטוללן ליב געהאט און געטראַכט אזוי ווי ער, אָבער זייער צאל איז געווען קליין, און זיי האבן זיך ניט דערוועגט צו שטעלן אַנקעגן.

קאָטולל האָט אראָפּגענומען פון זיך די קאָמאַנדירן-צייכנס און געשטעלט זיך אין די רייען פון די פּאָשעטע קריגס-לייט.

און אין ירושאָלאַיִם איז צווישן פאָלק געוואָרן א גרויסע באַוועגונג. מענטשן האָבן געטומלט און געשריגן. טייל האָט געזאָגט:

— וועלן מיר נאָך לאַנג אזוי געדולדיק צוזעען, ווי מ'פארשוועכט און מ'צעשטערט אונזערע הייליקײַטן? צו דען איז ניט קלאָר וואוהין פלאָרן ציט זיין רויבגיריקייט און זיין בייזווילן? ער וועט זיך ניט אָפּ-שטעלן, ביז ער וועט ארייננכאפן די הייליקע אויצרעס און, ווי ער וועט ארייננכאפן, וועט עס אים ווײַטער שטויסן צו נייַע געוואלט-מײַ-סים, ווײַל ווי די לעגיאָנען, וואָס שטייען ארום דער פאָן, -אזוי איז אונזער פאָלק ארום דעם בייס-האמיקדעש. ווען דער סוינע קריגט די

פאָן אַרײַן, דאַן איז דער לעגיאָן באַזיגט, און דער סוינע שלאָגט די אַנטלויפנדיקע שוין גאָר אָן מי. אַזוי וועט אויך פלאָר צו זיך זאָגן: אויב דאָס פאָלק האָט ניט געקאָנט פאַר זײַן הייליקייט זיך איינשטעלן, איז פאַר וואָס דען וועט ער שוין נאָך דעם זיך איינשטעלן? צו אף דעם וואַרטן מיר? וואַרטן מיר, אַז די לעגיאָנען, קומענדיק צוריק אַ היים, מיט רויב באַלאָדן, זאָלן זאָגן צו זייערע כאַוויירים: „גייט אין יהודע. דאָרט לעבט אַ פאָלק מיט אַ קליינער נשאָמע, און דעם קריגסמאַן שטייט ניט פאַר אין שלאַכט קיין שום סאַקאַנע. בלויז אַנגענעמלעכקייטן וואַרטן אף אים. די אידן פאַרטיידיקן זיך ניט, און די עלטערן פירן אונטערטעניק זייערע אומצײַטיקע טעכטער צו די געלעגערס פון די סאָלדאַטן".

מיט אַזעלכע רייד האָבן זיי געצונדן אין פאָלק ברויזנדיקע געפילן, און פיל האָבן געזאָגט: „בעסער שטאַרבן בײַ דער שוועל פון אַנטאָניאַ, פאַרטיידיקנדיק דעם מיקדעש און דעם פאָלקס קאָוועד. פלאָר באַגערט אַ שווערד — אַ שווערד וועט אים ענפערן. זאָגן מיר ניט קיין מישפעט פון קייסער — זאָל גאָט, דער גאָט פון מילכאָמע, צווישן אונז און פלאָרן מישפעטן".

אַזוי האָבן געטראַכט פיל פון פאָלק און אויך פון די כאַכאָמים, צווישן אַנדערע — מנאַכעם דער זון פון יהודע, וואָס האָט פאַרגאָסן זײַן בלוט אין קאַמף פאַר דער פרייהייט פונעם פאָטערלאַנד.

דער פאָטער האָט דעם זון איבערגעלאָזן בירושע זײַן ליבע און זײַן סינע. זײַן ליבע איז געווען אַ ליבע צו פרייהייט, און די סינע — אַ סינע צו אונטערדריקונג. מנאַכעם האָט גערעדט, גלייך ווי זײַן פאָטער:

— ס'איז נידערטרעכטיק צו בוקן זיך פאַר די מיזבייכעס פון די רוימישע קייסאָרים, ווײַל די קייסאָרים זיינען מענטשן; בוקן זיך אָבער פאַסט נאָר פאַרן איינציקן גאָט, וואָס האָט די מענטשן באַשאַפן צו לעבן אין פרייהייט.

אויסער דעם האָט דער געלערנטער מנאַכעם, אין צאַאַר וועגן דער אָנמאַכט פון זײַן פאָלק, זיך פאַרטיפט אין דער טוירע, און פון די אידישע און אויך אַנדערע ספאָרים האָט ער געלערנט אַלע כאַכמעס, און וואָס גוטס איז און שלעכטס, און אין וואָס באַשטייט די קראַפט פון שטאַרקע פעלקער, און פון וואַנען קומט די שוואַכקייט פון די שוואַכגעוואָרענע. ער איז געווען גרויס אין טוירע און כאַכמע און איז ניט געווען ענלעך ניט צו די שמאָלצע פיירושים, ניט צו די שטילע איסיים, ניט צו די צדוקים, וואָס האָבן זיך גענערט פון ביים-

האמיקדעש, נאָר מיט זיין טיפן סייכל האָט ער קסיידער געזוכט דעם עמעס, געוועגדט די בליקן פון זיין גייסט שטענדיק פאָראויס און קיין־מאָל ניט צוריק.

און מנאכעם האָט געשעמט צווישן פאָלק, און אויך פרעמדע פעלקער האָבן דעם געלערנטן בען־יהודע געהאַלטן פאר אַ שאַרפן פילאָזאָף, ווייל זיין צונג איז געווען ווי אַ שווערד, וואָס צוהאַקט אַלע פאַלשע פילפולים. אין מנאכעמס האַרץ אָבער האָבן ליבע און סינע געברענט, ווי אַ פלאַם אַ העלע.

די ליבע איז געווען אַ פלאַם, און די סינע אַ ווינט, וואָרום וואָס שווערער איז דער שענדלעכער יאָך געוואָרן, האָט מנאכעם אַלץ מער זיך איבערגעגעבן מיטן האַרץ צום פאָלק—מיט זיין האַרץ, וואס האָט מיט ליבע געברענט.

ווען מיר זאָלן ווידער די סינע צו אַ פלאַם פאַרגלייכן, וואָלט דאַן די ליבע געווען ווי דער ווינט, ווייל די ליבע צו די געדריקטע האָט אופגעבלאָזן די סינע צו די אונטערדריקער.

און איצט האָט מנאכעם מיט אַ מעכטיקער שטים גערופן צום גע־ווער די זין פון ירושאלאַים און פון גאַליל און פון גדיירע, און אויך די עדוימער, די האַסטיקע אין אַנפאַל.

— שטייט אוף, — האט ער געזאגט,— און דאַן וועט די שאַ פון גאטס שטראף איבער פלאָרן שלאָגן.

נאָר פיל אין ירושאַלאַים האָבן זיך באַ גאר אַן אַנדער מיינונג געהאַלטן.

— וויבאלד — האבן זיי געזאגט — פלאָר באַגערט מילכאמע, דארפן מיר, פארקערט, זיין געדולדיק און שטיל קדיי ניט פאַרלירן דאָס, וואס איז נאך אונז געבליבן.

אזוי האָבן גערעדט די קויאַנים און די האַרן און אַלע, וואס האבן זיך גענערט פון בייס־האַמיקדעש, און די רייכע, וואס האבן מוירע געהאט צו פארלירן זייער רייכקייט. זיי זיינען צווישן פאָלק געגאַנגען, פאַר פראָסטע מענטשן אָפט צו די פיס געפאַלן און די קני זיי אַרומגע־נומען מיט געבעט צו בלייבן רואיק און געדולדיק.

און ס׳האט זיך זיי איינגעגעבן איבעררעדן דאס פאָלק עס זאל שטיל שווייגן.

דערווייל האט זיך פלאָר דערנעענט מיט זיין מאכנע, צוריק־קערנדיק פון קיסריע. די איינוואוינער פון ירושלאַים זיינען פון טויער אַרויס אים אַנקעגן, אפן וועג מיט גרוס באגעגנט אים און דעם לעגיאָן. נאר פלאָר איז אין גרימצאָרן געקומען.

— איך ניוויזים, — האט ער געזאגט אין קאַס. — איך ווייס וואויל, אז אין זיין הארצן האָט מין יעדער פון אייך פיינט, נאר אָף די לעפצן אייערע איז אַ צבועשער גרוס... מיט געווער אין האנט וואָלט איר אונז באַגעגנט, ווען איר זאָלט זיין מענטשן פון ערע און עמעס. קוק אָן, אַוו־לוס, די דאזיקע לייט, דו האָסט דאָך פאַר זיי מוירע געהאַט!

און ער האט אַ באַפעל אָפגעגעבן זיינע סאָלדאַטן זיך אַלאָז־טאָן אָף די אידן. דאן איז עס געשען, אז באַשיידענע לייט, וואָס זיינען גע־קומען די רוימער אופנעמען, זיינען געלאָפן צו דער שטאָט, ווי אַן אי־בערגעשראָקענע טשערעדע. די רוימער אָבער האָבן זיי געיאגט, ווי די וועלף. און די נאָכט איז צוגעפאַלן איבער דער שטאָט צווישן געשרייען, שרעקעניש, רציכע, געלעכטער און קרעכצן.

אינדערפרי האט פלאָר אָנגעזאגט מ׳זאָל צעריבן דעם האנדלפלאַץ, וואס האָט געהייסן דער אויבערשטער פלאַץ, און די סאלדאָטן האָבן געריבט און געשלאָגן אָן ראַכמאָנעס. אין שטאָט איז געוואָרן אַ גרויסע לויפעניש איבער די גאַסן. מע האָט געהארגעט מענער, מ׳אַנעס געוועזן פרויען און געפייניקט אומשולדיקע. צוזאַמען מיט ווייבער און קינדער, האט מען אין יענעם טאָג אויסגעהאַרגעט זעקס טויזנט דריי הונדערט אידישע נפאָשעס.

דענסטמאל האט זיך פאַרזאַמלט אפן אויבערשטן פלאַץ אַ גרוי־סער האמוין צעטומלט פאלק, אז סע איז ניט געוועזן, וואו אַ שפילקע זאָל פאַלן. אופגעבראַכטע מענטשן מיט מנאַכעם אין דער מיט האבן געצונדן אין פאלק דעם פייער פון צאָרן און נקאמע פאַר די אומשולדיקע, דערהארגעטע. דער גאנצער אוילעם האָט מיט גרויס געיאָמער באַוויינט די אומגעקומענע.

פלאָר, צעגויפגעקליבן די קריגסלייט, האָט זיך פאַרשפאַרט אין זיין פאַלאַץ, געוואַרט וואָס וועט דאָ זיין. די רוימער האָבן גערעדט איצטער צוזאַמען מיט אוולוס:

— מיר האָבן דערצארנט דאס פאלק איבער דער מאָס!.. און אָט היינגט איבער אונזער קאָפ, ווי אַ וואָלקן, די גערעכטיקע נקאמע. נאָר פלאָר האט געשוויגן.

אָבער די אָנגעזעעגסטע בירגער און די קויאָנים האָבן זיך ווידער

אין פאלק געוואָרפן און ווידער, דערנידערנדיק זיך פאַר פּראָסטע מענטשן, געבעטן ניט אַרויסצוגיין פון געדולד.

— פלאָר—האבן זיי געזאָגט, — איז איצט איינגעשלאָפן, ווי אַ טיגער, איבערגעזעטיקט מיט בלוט. רירט־זשע ניט דעם טיגער אין זיין הייל, קדיי ניט אופצעוועקן די שרעקלעכע כאיע צו נייע רציכעס.

און ווידער האט דאס פאלק געפאלגט און, שטילנדיק דעם געוויין, גענומען זיך פאַנאַנדערגיין. אומזיסט האט דער אופגעבראַכטער מנאַכעם אופגעהויבן זיין שטים, רופנדיק צו געווער; ער איז געווען גענליכן צו אַ לייב פון דער מידבער, וואָס די רויב האט זיך פון אים אויסגעדרייט. אומזיסט קריצט ער מיט די ציין און גראָבט מיט די קרעלן די ערד.

און די האַרן און די קייאַנים זיינען געקומען צו פלאָרס הויז און, צוגעלאָזן צו אים, האָבן זיי געזאָגט צום ווילדן רוימער:

— אָט האָבן מיר ווידער איינגעשטילט דאָס פאָלק. ניט שוין ועסטו פארגעסן אונזער פרומע האכנאָע?

און פלאָר האָט זיך מיט געלעכטער געקערט צו זיינע סאָרים אייבער הונדערטער און איבער טויזנטער און האָט געזאָגט:

— אָט זעט איר!

די אידן אָבער האָט ער געענפערט ווייך, ווידער פארטראכטנדיק אמער בייזן שפיצל:

— איך זע, אז איר זיינט שטיל און פרום, איך ווייס אָבער נאָך ניט ווי ווייט. קדיי אונז אלעמען איבערצייגן—גייט נאָך אַמאָל ארויס מיטן פאָלק אפן וועג און נעמט אוף, ווי עס פאסט, די לעגיאָנען, וואָס קערן זיך אום פון סירייע.

אליין האָט ער שוין באַצייטנס איבערגעשיקט יענע לעגיאָנען זיינע אָנווייזונגען.

די קויאַנים און די הארן זיינען געוואָרן אומרואיק. זיי האָבן געוואוסט, אז איצטער קומט דאָס שווערסטע, דעריבער זיינען זיי אריין אין בייס־האמיקדאָש, האבן זיך אויסגעצירט אין אלע דינסט־קליידער, מיטנעמענדיק זינגער און שפּילער מיט אלע זייערע אינסטרומענטן, זיך געלאָזט איבער די גאסן צו צוציען דאָס פאָלק מיט זייער פראכט און גלאַנץ.

ווען דאָס פאָלק האָט זיך פארזאמלט, האָבן זיי ווידער אָנגעהויבן בויגן זיך און בעטן עס זאָל זיך אונטערגעבן און ניט ברייגען דער-

צו, אז די רוימער זאָלן אוועקרויבן די אַלע טייערע כּפּייצים. די קויאַנים האָבן געיאָמערט, די קעפּ מיט אש באַשאָטן, צעריסן די קליידער און אָפּגעדעקט די ברוסט.

— טוט צוליב די הייליקע כּפּייצים! — האָבן זיי געבעטן — דורך אייער שטאָלץ ענפערט ניט איבער דאָס לאַנד אין די הענט פון די, וואָס זוכן אַן אויסרייד אַלץ צו פאַרטיליקן. אויב איר וועט נאָך אַמאָל באַווייזן אייער אומטערטעניקייט און ווידער וועט איר באַגעגענען די לעגיאָנען מיט מילדן גרוס, וועט בּאַ פלאָרן ניט בלייבן קיין אויסרייד אָנצופאַלן אַף אונדז. איר וועט אַזוי אַרום ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד, און אויך צו אונזערע ליידן וועט שוין נעמען א סאָף.

אַזוי האָבן זיי גערעדט. און מנאַכעם איז אין דער אויבערשטער שטאָט דענסטמאָל ניט געווען. אוועקגייענדיק צום קייווער פון יויכאַנען קויען-גאָדל, וואָס אַף יענער זייט שטאָטמויער, האָט זיך מנאַכעם געגרייט לאָזן זיך אין גאָליל מיט זיינע טאַלמידים און אַנהייגער פון גאָלילער און עדוימער. אָבער פאַר דעם האָט ער פאָרגעלייגט די קויאַנים:

— גייט, נאָר לאָזט אויך אונדז נאָך אייך גיין. אויב מ'וועט אייך ניט אָנרירן, וועט אונזער שווערד בלייבן אין שייד; אויב אָבער זיי וועלן זיך ווידער וואַרפן אַף אומבאַשיצטע, וועלן זיי באַקומען דעם געהעריקן ענפער.

אָבער די קויאַנים האָבן זיין פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן און געזאָגט:

— מיר וועלן נעמען מיט אונזער שטילקייט.

דאַן האָט זיך מנאַכעם געלאָזט אין וועג מיט זיין מאַכנע, ווי עס גייט אוועק א לייב צווישן הינט: די רוימער האָבן אָפּגעטראָטן דעם וועג, ווען די עדוימער, קלינגענדיק מיט די שפּיזן, זיינען געגאַנגען נאָך זייער אַנפירער. און די יונגע גאָלילער האָבן אָן פאַכער געקוקט די רוימישע קריגסלייט אין די אויגן אַריין. און ווען זיי זיינען געגאַנגען פאַרביי די רוימישע געצעלטן, האָט דער אַלטער אוולוס קאַטולל אויסגעשריגן:

— גרוס די דרייסטע! ערע דעם זון פון יהודע!

און די קויאַנים און די זקיינים האָבן אַרויסגעפירט דאָס פאָלק אַפן וועג קיין קיסריע, און אַלע זיינען אָנגעשראָקן און שטיל אין אָרדענונג אוועק אַנקעגן די טירישע לעגיאָנען.

אין שטויב און טרעטעניש זיינען ביז צו זיי צוגעגאנגען די שטריינ-גע רוימישע קריגסלייט און אין שטומען שוויגן זיך אָפּגעשטעלט. די אידן האבן אַף זייער באַגריסונג קיין ענפער ניט באַקומען. און ווען פון צווישן זיי האט זיך דערהערט אַ שטים מיט געבעט צו די קריגסלייט שוינען דאָס פאלק און ניט באַגיין זיך מיט אים, ווי פלאָר איז זיך באגאנגען — דאַן האבן די רוימער זיך ווידער געווארפן אַף די אידן מיט שווערדן און שפּיזן, און ווידער זיינען אומבאשיצטע געיאגטע געלאָפן.

און ווידער אַ מאל האָט בלוט דעם וועג אין רויטן געפארבט. די רוי-מער האבן מיט געווער געיאגט די אַנטלויפנדיקע און געשטיקט זיי מיט די פערד. באַם טויער איז איבער דער איינגשאפּט דער רעשט אומגעקומען, אזוי, אַז פון די, וואס זיינען פריער אַרויס, איז קיין איינער ניט געבליבן אין אַזא געשטאלט, זיינע נאענטסטע זאלן אים קאנען דערקענען.

די קריגסלייט אבער, צעהיצט פון בלוט און קרעכצן, האבן זיך גע-לאזן איבער וויזעפאַ און, טראָגנדיק טויט איבער די גאסן פון שטאָט, זיך געיאגט צו דער אַנטאָניאַ, קדיי אין דער צעמישעניש אַריינכאפּן די אויצרעס פון בייס - האמיקדעש. און פלאָר, פאַרן טויער פון זיין פּאַלאַץ, האט לוסטיק געהעצעט די סאָלדאַטן:

—אומזיסט האט איר זיך געשראָקן פאר דעם פאלק. אַט יאגן מיר, צוויי הייפעלאַך טויטיקע קריגער, טויזנט זייערע און קאנען פארכאפּן די אויצרעס אָן איבעריקער מי.

אזוי האבן נאך אַמאָל די רוימער באַצאלט די אידן פאר זייער פרו-מער האכנאָע. נאר די אויצרעס פארכאפּן האט זיך זיי ניט איינגעגעבן: מנאַכעמס מענטשן, דערהערט די קרעכצן פון די אידן, האבן זיך געווארפן אַנקעגן די רוימער און פארהאַלטן זיי אַף די גאסן, וואס פירן צו דער אנ-טאניאַ און צום בייס - האמיקדעש. דערנאָך האָבן זיי, אונטערהאקנדיק די איבערגאנג - שטעלן פון בייס - המיקדעש צו דער אַנטאָניאַ, פארשטעלט פארי די רוימער דעם וועג צום טורעם און איינגעצוימט אַף אזא אויפן פלארס גאלד - גייציקייט. די אופגעמונטערטע אידן האבן זיך געשטעלט אין דער הויך אַף די איבערגאנג - שטעלן און פון אויבן אין די רוימער שטיינער געווארפן. די לעגיאָנען האָבן זיך דערשראקן און זיינען אָפּגע-טראָטן. אָבער די אידן האָבן, ווי אַ האַמוין יעגער אַף אַ לויפנדיקער כאַיע, זיך אַ לאָז-געטאן אַף די אָפּטרעטנדיקע, און פיל פון די רויבער זיינען גע-פאלן אין די גאַסן, קלינגענדיק מיט די פאַנצערס און וואַלגערנדיק אין שטויב דאָס פארבלוטיקטע געווער.

און פלאר, אנגערוקט און פינסטער, איז אפגעטראטן צוזאמען מיט די איבעריקע, אפגעווערט זיך קעגן די אופגעבראכטע און פארשעמט פאר אוולוס און זײנע אנהײנגער.

און אזוי איז צוגעפאלן די נאכט. נאר אויך בײנאכט האט זיך אי־בער די גאסן און ארום בײס-האמיקדעש, איבער געסלאך און פלעצער געטראגן א געהילך פון קוילעס, און די פולע לװאָנע האט באלויכטן די באװעגונג פון די אופגעשטאנענע. דעם פאלקס צארן האט איבערגעפולט דעם קאָס פון געדולד.

די רוימער האבן צעלײגט פײערן ארום פלארס פאלאץ, און די סאל־דאטן זײנען שטום און פינסטער געשטאנען אפן פלאץ, באגעגנט א ווידער־שטאנד, האבן זײ שוין אײנגעזען, ווי אומדערבארעמדיק און נאריש זײ זײנען זיך באגאנגען מיטן פאלק. זײ האבן געקוקט אין הימל און געזען א צײכן: די לוואנע, אראפגידערנדיק צו דער ערד, איז געווארן רויט ווי זי וואלט אין בלוטיקע כוואליעס פארזינקען, און פון די בײס-האמיקדעש־ווענט האט אפגעשלאגן א רויטער שײן, גלײך ווי דאס בלוט פון די געהארגעטע האט זיך צוגאסן איבער דער ערד און איבערן הימל און צוזאמען מיט די אויסגעשרײען פון דעם אופגעשטאנענעם פאלק זיך צונויפ־געצויגן אין א שווערן וואלקן, צעשפרײט איבער די הויכן פון ירושאלאים.

און די לעגיאנען האבן זיך דערמאנט אן די ווערטער פון דעם קלוגן און מיושעוודיקן אוולוס, און זײנע אָנהײנגער האָבן אופגעהויבן זײער קאָל:

— דער אַלטער סאַר איבער טויזנט איז געווען גערעכט. פלאָר האָט אונז געבראַכט צו כארפע און שאַנד.

און, פארזאמלט אַרום אוולוס, האבן זײ געשיקט צו העססיוס אים אזוי צו זאגן אין נאמען פונם כאַיל:

—דערווײל פאלגן מיר דיך נאך, נאר ווײס, דו אכזער, אז מיר אלײן ווילן דיך אנקלאגן פארן סענאט. קוק — אונזער בלוט און דאס בלוט פון די אידן, אין דײן שולד פארגאָסן, שרײט צום הימל.

דאס זײנען געווען די ווערטער פון עטלעכע מער מיושעוודיקע, וואס האָבן איצטער אופגעהויבן דעם קאפ. די אזוסדיקע געוואלדטוער, וואס זײנען פריער געשטאנען פאר פלארן — האבן איצטער געשוויגן. דעריבער האט דאס ראוו זיך איצטער געקערט אף דער זײט פון די פארשטאַנדיקע.

און דער רויטער שיין האט אלץ ברייטער זיך צעגאסן איבער הימל און ערד.

און די לוואנע האט זיך באהאלטן, איבער דער ערד האט זיך א פינסטערניש געשפרייט, און ווען די צווייטע נאכט-וואך האט די ערשטע פארביטן, — איז פלאר כמורע-אנגערוקט ארויס פון פאלאץ און מיט אראפגעלאזטע אויגן פאר כארפע שטילערהייד ארויסגעפירט זיינע לעגי-אנען פון שטאט.

אינדערפרי זיינען אין דער הייליקער שטאט פון יהודע קיין רוימער ניט געווען.

II.

איבער דער שטאָט גאַמלע האָט זיך געזעצט די זון.

אַ שטילער אָוונט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער ערד פון יהודע, מיטן כעסעד פון רו זי באַשאָטנט.

די אָוונט-שאָטנס האָבן שוין ערטערווייז געציטערט אין די טאָלן, נאָר די נאַכט האָט נאָך ניט אָנגעצונדן אירע בליצנדיקע פלאַמען, און מ'האָט נאָך ניט געזען די פייערדיקע שווערד, וואָס האָט שוין עטלעכע נעכט נאַכאַנאַנד זיך געוויזן אין בלויען עטער און געברענט אין הימל, מאַכנדיק קלאַפּן די הערצער אין אומרו און וואַרטעניש.

אַ שרעק-שטערן איז, ווי אַ פלאַמענדיקע שווערד פון אַ מאַלאַך, אַלע נאַכט געשוואומען אין די אָנגרעניצלעכע רוימען, און די מענטשן האָבן געשפירט, אַז אָט אַזוי רוקן זיך געוואַלדיק אָן אַף דער וועלט גרויסע געשעענישן און גרויסע ווייען.

נאָר איצט, אין דער שאָ פון שטילן זון-פאַרגיין, האָט די וועלט אַזוי ווי פאַרגעסן אין שטערן, דעם אָנזאָגער פון לייד און פיין, און האָט זיך זיכער איבערגעגעבן דער שטילער רו. די בערג האָבן זיך געבלויט, דער מאַרעוו האָט געגליט מיט גילדערנע רויטן, ווייסע וואָלקנדלאַך זיינען שטיל צעגאַנגען אין דער הויך, פרעכטיקע פאַלמעס האָבן די קעפּ געבויגן אין מידקייט, און דער ווייטער שטויב האָט זיך געקנוילט אַפן וועג, שפּילנדיק אין שימער פון די לעצטע שטראַלן.

קיין זאַך האָט ניט דערציילט די מענטשן וועגן די אָנקומענדיקע געשעענישן.

און נאָר דאָרט, אין דער הויך, איבער די שטערן, האָבן קיטעס מאַלאָכים, שטייענדיק פאַרן קיסיי-האַקאָוועד, פאַרדעקט די אויגן מיט די פליגל און מיט קוילעס, וואָס דאָס מענטשן-אויער קאָן זיי ניט פאַרשטיין, אויסגערופן:

— ווײַ צו אײַך, ירושאָלאַים און גדיירע און די אומגליקלעכע זעלבסטמערדערישע יודעפעס!

נאָר די שטערבלעכע האָבן ניט געהערט די אויסגעשרייען, און דער שלייער פון די צייטן האָט זיך פאַר זייערע בליקן ניט אופגעדעקט. אונטן, אַף דער ערד, אין טונקל פון אונטערגאנג, איז געווען נאָר דער היינט. גאָט האָט באַשערט די שטערבלעכע, זיי זאָלן בלינד, אין דער פינסטער, אליין זוכן די וועגן פון זייער לעבן, פאַרשנדיק דאָרשטיק וואו שלעכטס איז און וואו גוטס.

דער קורצזיכטיקער האַמלין איז געווען צופרידן. ס'זיינען אפגעטראָטן פלאָרס לעגיאָנען, און קעסטיוס האָט געהאַט אַ מאַפּאַלע. ס'האָט גע־דוכט, אַז ס'איז שוין אַ סאָף צו די צאָרעס, און די מעכטער פון גאליל האָבן געפלאַכטן קרענץ און געזונגען לידער. און אין ירושאלאים האָבן אפילע די פּרושים געטראָגן בסורעס פון פרייהייט.

נאָר מנאַכעם האָט קיין אנטייל אין דער סימכע ניט גענומען. ער האָט געוואוסט, אַז אַ מילכאָמע שטייט נאָך פאָר, אַז דער רוימישער אַדלער שאַרפט ערשט די קרעלן, און דעריבער האָט ער, אוועקגייענדיק פון ירושאלאים, זיך געלאָזט איבערן לאַנד צונויפרופן כאַיל, און איצט, פאַרמאַטערט פון וואַנדערן, איז ער געקומען צו זיך אַ היים אפרוען.

און, קוקנדיק אַף דער מאַרעוו-רויט און אָפן בלויען הימל, האָט ער געוויינט, ווייל דער קלאָרער הימל האָט גערעדט וועגן אייביקן שאָ־לעם, און זיין האַרץ האָט נאָך שאָלעם געלעכצט אַף דער ערד, אָפּ־געקערט פון בלוט און שלאַכט. און ס'האָט געדוכט, אַז פון מאַרעווס מילדן אָטעם ווערט עס וויכער, און אַ שטילע רואיקייט גיסט אין דער נשאָמע זיך אריין.

ארום אים, אַף די טרעפּ פון הויז, זיינען געלעגן אָנגעלייגט זיי־נע טאַלמידים און אָנהייבער אין קליידער פון אוליסרו און האָבן געש־וויגן, ווייל ס'האָט געשוויגן דער רעבע, וואָס דער שטילער מאַלאַך איז איבער אים דורכגעפלויגן. ער האָט פאַרגעסן וועגן די רוימער, און וועגן די אומגעקומענע ברידער, אין וועגן פאָטער, וואָס האָט זיין קאָפּ גע־לייגט אין דער מילכאָמע פאַר דער פרייהייט, און וועגן דעם אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט, און וועגן דעם, אַז עס ווערט אַף אים רציכע, און געפּאַר, און סינע, און עפּשער פעלערן, און דער סאָף...

און, אָפּאָטעמענדיק מיט דער פולער ברוסט, האָט מנאַכעם גע־זאָגט:

— די מענטשן דאַרפן זיין ברידער, און גאָטס וועלט דאַרף זיין גוט ..

און דער ווייטער שטויב, קנוילנדיק זיך איבערן וועג, האָט זיך צוגעקייקלט אַלץ נעענטער און, פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט דער האַנט, האָט מנאַכעם דערזעען אַן אײלעם מענטשן, ווי זיי גייען צו זיין הויז.

דאָס זיינען געווען שליכים פון ירושאָלאַים, וואָס זיינען געקומען מיט ידיעס צו מנאַכעמען, און דאָרפס-לייט פון גאָליל, און עדוימער, און איטסייער אין ווייסע קליידער. גייענדיק איבערן וועג, האָבן זיי זיך גע-אַמפּערט, און מיטן געהילך פון זייערע צוטראָגענע קוילעס געשטערט די ליבע שפּילקייט פונם אָווגט.

און אזוי זיינען זיי צוגעגאַנגען ביז מנאַכעמ׳ס הויז, אַנדערע קלינגענדיק מיט די פאַרשטויבטע וואָגן, און אַלע ניט אויפגעהערט צו אַמפּערן זיך. ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט, האָבן זיי זיך אָפּ-געשטעלט, און מנאַכעם האָט געפרעגט אום וואָס דאָ גייט.

די שליכים זיינען אַרויסגעטראָטן און האָבן געזאָגט:

— מיר גייען מיט ידיעס פון ירושאָלאַים, און פריער פאַר אַלץ הער אונז אויס.

מנאַכעם האָט געזאָגט: „רעדט״, און דאַן האָבן זיי דערציילט:

— נאָך דעם, ווי דו און פיל אַנדערע זיינען אַוועק פון ירושאָלאַים רופן דאָס לאַנד צו געווער—האָט זיך אין ירושאלאים אומגעקערט דער מע-לעך אַגריפּוס, וואָס איז געווען אָפּגעפאָרן. דערזעען, אַז דאָס פאָלק גרייט זיך אַראָפּצוװאַרפן דעם יאָך, האָט ער זיך מצאַער געווען וועגן דעם גוירל פון זיין מאַכט. זאָל ער צושטיין צו די אידן, וועלן אים די רוי-מער, אין פאַל פון ניצאָכן, אַראָפּוואַרפן פון טראָן; דאָס אייגענע די אידן, ווען ער וועט צושטיין צו די רוימער. אַגריפּוס זיצט אויפן שטול און איז דערום גרייט פאַר ליב אָנצונעמען די קנעכטשאַפט. פאַרזאַמלט דאָס פאָלק, האָט ער זיך געווענדט צו אים און אים איינריידן גענומען. דאָס פאָלק איז געשטאַנען אויף די גאַסן, און דער מעלעך אויף דער הייך פון די איבערגאַנגס-שטעלן. זיין שוועסטער אָבער, ווערעניקע, וואָס איז געווען באַליבט באַם פאָלק פאַר איר מילדקייט, האָט ער אַוועק-געשטעלט אַנקעגן זיך אויפן דאַך פונם כאשמוינאָים-הויז מיט אַ באַפייל גיסן טרערן, אַז אַלע זאָלן זעען. אזוי האָט ער געוואָלט מיט דער קראַפט פון זיינע שיינע רייד צעמישן די געדאַנקען פון פאָלק, און מיט פרויענטרערן — לעשן די פלאַם פון פאָלקס-צאָרן. אין זיין רע-דע האָט ער נעראָן-קייסער אָנגערופן „מילדער הערשער״ און די רוי-מער, „גרויסמוטיקע זיגער״, און געזאָגט: „קיין זאַך מאַכט ניט אזוי לינ-

דער דעם ווייטאָק פון שלעק, ווי שטילקייט און געדולד"... און אין אַ סאַך מויכעס און הערצער האָט ער אַריינגעבראַכט אַ צעמישעניש. איצטער הערט מען אין פאַרשיידענע עקן לאַנד אַגריפּוסעס ווערטער, און אין דעם פרייער אייניק־אופגעשטאַנענעם פאָלק האָט זיך צעפלאַקערט אַ מאַכלויקעס. און אָט די, וואָס זיינען מיט אונז געקומען, האַלטן זיך אויך באַ פאַרשידענע מיינונגען און קריגן זיך.

ווען די שליכים האָבן געענדיקט, זיינען אַרויסגעטראָטן מאַטיסיאָהו און זכאַריאָהו, סאָכרים, און האָבן געזאָגט צו מנאַכעמען:

— אַגריפּוס איז גערעכט, און דו מיט די דייניקע זיינען דאָס בייזע: דיין פאָטער איז אומגעקומען אין דער מילכאָמע און האָט אומגעבראַכט אונזערע פאָטערס, וואָס זיינען אינם אופשטאַנד גאָרניט שולדיק געווען, און אויך דו ווילסט מיטן אופשטאַנד אומברייגען אונז, פרידלעכע סאָכרים. דיר איז דאָס לעבן ניט טייער, ווייל דו האָסט קיין פאַרמעגן ניט, אָבער אונז איז עס טייער. מיר ווילן גערעכטיקייט, קלוגער מנאַכעם, זון פונם אומגעקומענעם יהודע.

מנאַכעם האָט קאָלט געענפערט די סאָכרים:

— מיין פאָטער איז אומגעקומען, און אויך אייערע פאָטעוס זיינען אומגעקומען... מיין פאָטער איז אומגעקומען מיט געווער אין האַנט, און אייערע פאָטערס האָבן אומגעבראַכט די צעווילדעטע זיגער. ב'עמעס — ניט מיין פאָטער האָט אייערע אומגעבראַכט, נאָר פאַרקערט — זיי האָבן עס אומגעבראַכט דעם מוטיקן יהודע.

און די סאָכרים האָבן געפרעגט: וואָס הייסט? און מנאַכעם האָט געענפערט:

— יהודע האָט געטאָן זיין פליכט, זיך ווידערגעשטעלט דער געוואַלט פון די באַצווינגער. אזוי האָבן געטאָן די העלדישע מענער פון אַלע פעלקער: פון די פאַרטענער, און די נומידייער, און די מאַורן. און ווען אַלע זאָלן האָבן געטאָן זייער פליכט, וואָלט זיך רוים ניט דערוועגט אַרויסצוגיין פון זיינע גרעניצן, און אַף דער ערד וואָלט געווען שאָלעם, און די ערד וואָלט ניט געקרעכצט אונטערן יאָך, און מיין פאָטער וואָלט געלעבט. נאָר אייערע פאָטערס האָבן, ווי די קליינמוטיקע צווישן אַלע פעלקער, איבערגעלאָזט זייערע באַשיצער אָן הילף, און זיי זיינען אומגעקומען, און מיר, זייערע זין, מוזן טראָגן די שאַנד פון קנעכטשאַפט. דאָס האָט איר אייך מיין ענפער, העגדלער... גייט!..

דאַן זײַנען צוגעגאַנגען די איסייער אין זײַערע ווײַסע קליידער און זיי האָבן געזאָגט:

— דו זייסט דאָס בייזע, קלוגער מנאַכעם, מיט דײַן לערע, וואָס אין איר גאַנצע מײַנט זי אַרײַנצודרינגען אין אַלץ, וואָס ס'איז געווען, וואָס ס'איז און וואָס ס'וועט זײַן. איז דען ווייניק פאַר דעם מענטשן צו וויסן די טויטע מוישעס און ווײַטער — ווי די ערד צו אַקערן?.. דו זייסט שלעכטס מיט דײַן לערע, וואָס רופט צום קאַמף. און ווי צו דיר, מנאַכעם, זון פון יהודע! ווען מ'באַלאַגערט אַ שטאָט, און די שטאָט שטעלט זיך אַנקעגן, דאַן שײַנקען די באַלאַגערער דאָס לעבן די שטילע און ענפּערן איבער צום טויט די ווידערשפּעניקע. מיר לערנען דאָס פאָלק שטיל און פרום צו זײַן, קדיי צו פאַרהיטן עס פון טויט. אָבער די, וואָס שטייען אויף און שפּעניקן ווידער, וועלן אומקומען, און דערי- בער זײַנען מיר — מענטשן פון לעבן. איר אָבער זײַט צום טויט פאַרמיש- פּעט... וועמענס לערע איז נאָכדעם בעסער?

און זיי האָבן אים געבראַכט אַ מאשל, וואָס מנאַכעם האָט אויס- געהערט, צוגעבויגט דעם אויער, און אויך אַ צווייטן און אַ דריטן, וואָס האָבן אויך געוויזן, אַז קאַמף איז שלעכטס.

וואָסער — האָבן זיי געזאָגט — טריקנט מען ניט מיט וואָסער, נאָר מיט פײַער, און פײַער לעשט מען ניט מיט פלאַקער, נאָר מיט וואָסער. אַזוי אויך קויאַך נעמט מען איין ניט מיט קויאַך און גבורע, וואָס איז שוין פאַר זיך אליין דאָס בייזע.

און די טאַלמידים מנאַכעם-בען-יהודע'ס זײַנען צעמישט געוואָרן, נאָר מנאַכעם אַליין איז צעמישט ניט געוואָרן און האָט פעסט געענפערט:

— עמעס האָט איר געזאגט, ליבע איסייער: ווען אַ שטאט שטעלט זיך אַנקעגן, דאַן ווענדן די באלאגערנדיקע זייער געווער אף די, וואס פארטיידיקן זי; די יענע אָבער, וואס זײַנען געבויגט זיך אונטערגעבן, זאָגן זיי צו שײַנקען דאָס לעבן, קדיי אזוי ארום אַ גרעסערע צאל שטויסן צום אונטערגעבן זיך...

— יאַ, דאס איז עמעס! אבער ווען אף אַ שטאָט פאלן אָן גאזלאַ- נים, און קיינער דערוועגט זיך ניט זי צו באַשיצן, וואס טוען דענסטמאל די גאזלאנים? צו הארגענען זיי ניט אויט אַלעמען אָן אונטערשייד, ווייל זיי האָבן ניט צווישן וועמען אונטערצושיידן און צוליב וואָס אַרויסווײַזן באַזונדערע כסאָדים?... דערמאָנט זיך אָן

פלאָרן: צי דען האָבן זיינע סאלדאַטן ניט געהאַרגעט די, וואס זיינען אַרויס אַנקעגן די לעגיאָנען מיט אונטערטעניקסטן גרוס? און איצטער זאגט אויך קעסטיוס צו, אין מילכאמע מיט אונז, שוץ און זיכערקייט! גאַטס וועגן זיינען פאַרהוילן פון מענטשנס אויגן: עפּשער מוזן מיר, די פאַרטיידיקער פון דער פרייהייט, אומקומען קדיי איר מיט אייערע קינדער און קינדס-קינדער זאלן בלייבן לעבן. און דענסטמאָל, שטילע אימייער, צי וועט איר ניט דערמאָנען מיט דאַנק אונז, אומרואיקע, וואס האָבן אָף זיך געצויגן דעם גאַנצן צאָרן פון די אונטערדריקער און מיט זייער טויט געקויפט פאַר אייך פריד און רו?.. פאַרשטייט-זשע דאַנקבאַר צו זיין די אומקומענדיקע, איר שטילע און אָפּגעהיטע, ווייל אייער שטילקייט קריגט אַ ווערט נאַר דורך אונזער ווידערשפּעניקייט, און אייער רו איז געגליכן צו בלומען, וואס בליען אוף אָף פעלדער, מיט אונזער בלוט באַפייכטע.

— און נאָך וועל איך אייך ענפערן:

אייערע ראַיעס באַשטייען פון פאַרגלייכונגען און משאָלים. דאס זיינען לאָגלען, וואס מ'קאַן אין זיי אַריינגיסן אי גוטן, אי שלעכטן וויין. אָבער נאָך די לאָגלען קאַן מען ניט דערקאָנען, וואָסער וויין איז גוט און וואָסערער איז שלעכט. דעם וויין דערקענט מען, ווען מ'פאַרזוכט אים. אַזוי אויך דעם עמעס דערגייט מען נאַר דורך ניסאָיען, וואס ער איז דער פּרובירשטיין פון עמעס.

קויאַך פון האַנט איז נאָר קויאַך, איז ניט גוט און ניט שלעכט, נאַר שלעכטס אָדער גוטס דערקענט מען אין נוץ. אט דער קויאַך פון דער האַנט איז שלעכט, ווען די האַנט ווערט אופגעהויבן צוליב רויב און באַליידיקן דעם שוואַכן; ווען אָבער זי ווערט אופגעהויבן צו אַרבעט און צוליב פאַרטיידיקן דעם כאַוועך, איז זי גוטס.

און אויב איר מיינט, אַז דער מאַלאַך, וואָס אַנפלעקט דעם זין פון פאַרגלייך, האט ראַיעס נאַר פאַר אייער עמעס, זייט איר געגאַרט. פייער לעשט מען ניט מיט פייער, און וואַסער שטילט מען ניט מיט וואַסער. ריכטיק. אָבער שטיין צעקלאַפּט מען מיט שטיין, שטאָל שלאָגט מען אָפּ מיט שטאָל און קויאַך מיט קויאַך. און נאָך: די געוואַלט פון די רוימער איז פייער און אייער אונטערטעניקייט—האָלץ. דאָס פייער וועט זיך ניט אָפּשטעלן, ביז דאָס האָלץ וועט צו אַש ניט ווערן. פלאָר האָט די מילדעסטע אויסגעהאַרגעט, און איצטער זאָגט-צו קעסטיוס צו שוינען אַפילע די, וואָס האבן זיך

געשלאָגן. ס'איז דערפֿאַר, וואָס אַנשטאָט אייער האָלץ האָבן די רוימער באַגעגנט אונזער אייזן... געוואַלט נערט זיך מיט האכנאע, ווי פייער מיט שטרוי. און דאָס צאָרנדיקע ערנגעפיל צווינגט די אונטערדריקער זיך צו דערמאנען וועגן בוצן פון מילדקייט. דאָס זיינען מיינע פארגלייכונגען.

און אויך דער מאַלאך פון משאלים אַנפּלעקט ניט אייך אַליין זיינע סוידעס, איך האָב אויך מיט אים געשמועסט, און הערט, וואס ער האָט מיר דערציילט.

און רעב מנאכעם האט דערציילט די טאלמידים זיינע און די אנגעקומענע איסייער אַזא מאשל:

—און גאָט האָט זיך אַמאָל דערבאַרימט איבער דער ערד, וואָס איז פול שלעכטס און פּיין, און ער האָט געזאָגט: „איך וויל שיקן די מענטשן אַ מאַלאַך, וואָס זיין גלייכן האָט נאָך די ערד ניט געזעען"... און ער האָט גערופן צו זיך דעם אומשולדיקן מאלאך, וואס זיין נאמען איז „ניט וויסן": ער האָט ניט געוואוסט וואָס בייז איז.

אין בליק פונם מאלאך איז געווען אזא טיפע קלאָרקייט, אזוי פיל שטילע פרייד און מילדע אומשולד, אַז יעדעס מאל, ווען גאָטס בליק, צו לאַנג אף דער זינדיקער ערד געווענדט, האָט פינסטער ווערן גענומען,—האָט ער געקוקט אין פּאנים פון זיין ליבלינג, אין זיינע בלויע שיינענדיקע אויגן, און איז אליין שטראלנדיקער געוואָרן... דער מאַלאך האָט זיך געשטעלט פאר גאָט אין זיין שנייוויסן קלייד און אופגעהויבן אף אים זיינע בליקן, וואָס האָבן געפינקלט מיט אַ געטלעכער טמימעס.

און גאָט האָט צו דעם מאלאך געזאגט: „פלי אָט אַהין, אף דער ערד אראפּ, זאלן די מענטשן דיין קלארקייט דערזעען און זאלן זיי פארשעמט ווערן פאר זייער בייז און שאנד. פארשעמט ווערן און אוועקווארפן. דיין אומשולד איז אזוי טיף, אז זיי וועלן פארגעסן אָן זינד".

דער מאלאך האָט אַ שמייכל-געטאָן און שטיל צו דער ערד זיך אוועקגעטראגן.

פיל האָבן אים געזעען, און דער, וועמען ס'האָט זיך געמאכט אַ קוק צו טאָן אין זיינע ריינע אויגן, יענער איז אופגעלויכטן... דער אומגליקלעכער האָט פארגעסן זיין לייד, און דער בייזער האָט פארגעסן זיין בייז, אנשוויגן איז געווארן דאס שלעכטס ארום דעם מאלאך, און ער איז געפלויגן אַלץ ווייטער, און ווי פריער זיינען די אויגן זיינע קלאָר געווען, ווייל ער האָט פון קיין בייז ניט געוואוסט.

איינמאָל, פליענדיק איבער דער ערד, האָט ער דערזעען אין וואַלד אַ מענטשן. דער מענטש איז געגאַנגען איבער אַ שטעג, זיך צו-

געהערט צום געריוש פון די בלעטער און אלץ ארומגעקוקט זיך, ווייל מ'האט זיך נאך אים געיאגט.

נאר דער מאלאך האט ניט געוואוסט, פאר וואס יאגן זיך מענטשן נאך א מענטשן, און ער האט געוואלט אראפפליען צום אומגליקלעכן און שטעלן זיך פאר אים אינ'ם מיט-וואלד, שיינענדיק מיט זיין ריינקייט און מילדער אומשולד.

גראד אין דער צייט איז דער מענטש צו צו א וואוינונג פון אן אנדער מענטשן, וואס איז געזעסן אף זיין שוועל, און, פאלנדיק אן קויכעס פארן הויז, האט דער געיאגטער געזאגט:

— איך קאן ווייטער ניט גיין, איך בין מיד, מ'יאגט מיר נאך, מ'וועט מיך הארגענען. גיב מיר א רו און א שוץ אונטער דיין דאך.

און דער מענטש האט געענטפערט:

— איך ווייס ווער דיך יאגט. זייערע פאטערס און זיידעס האבן פון שטענדיק אן געיאגט אומשולדיקע, און מיינע עלטערן האבן שטענדיק געגעבן שוץ די שוואכע און געדריקטע... אויך איך וועל דיך אופנעמען און אפדאך געבן. גיי אריין אין מיין הויז און שלאף איין. נאר פריער ווייז, וועל איך צעשליסן דיינע קייטן, ווי מיינע עלטערן פלעגן עס שטענדיק טאן און אזוי צו טאן אויך מיר פארזאגט.

און ער האט צעבראכן די קייטן און מיט א שטארקער האנט ווייט זיי פארווארפן, אזוי זאגנדיק:

—זאל דאס הויז פון מיינע עלטערן און מיינע קינדער ניט פארשוועכט ווערן דורך קייטן פון קנעכטשאפט!—

און דער געיאגטער מענטש איז אריין אין הויז און איז איינגעשלאפן, און דער מאלאך האט עס אלץ געהערט און געזעען און גאר ניט פארשטאנען, ווייל זיין נאמען איז „ניט וויסן" געווען.

ער האט זיך אנגעבויגן איבער דעם פארמאטערטן, און א שמייכל האט זיך צעשפילט אף די ליפן פונם שלאפנדיקן, און זיין נשאמע איז געווארן לויטער, און דער שלאף זיינער שטארק.

און דערנאך איז דער מאלאך צו צום באלעבאס, וואס איז אפן שוועל געזעסן, נאר דער באלעבאס האט אים ניט געזעען, ווייל זיינע בליקן זיינען געווען געקערט צום וואלד. ער האט באהיט דעם שלאף פון זיין גאסט.

דאן איז דער מאלאך ווייטער געפלויגן.

און ניט ווייט האט ער געטראפן מענטשן מידע, פארמאטערטע און צעהיצטע. מיט שווייס און רציכע זיינען די אויגן זייערע געווען

פארלאָפן, און זיי האָבן ניט געזעען, אַז אַ מאַלאך שטייט פאַר זיי, נאָר געפרעגט — צי האָט ער ניט געטראָפן לויפן אַ מענטשן אין קייטן.

און דער מאַלאך האָט מיט אַ ליכטיקן שמייכל אויפגעהויבן זיין האַנט צו יענעם הויז, וואו ער האָט געזעען דעם מענטשן אין קייטן, און געזאָגט: „גייט נאָך מיר, ער איז דאָרטן" — און אליין איז ער אַוועק אַ פריער און געבראַכט זיי צופירן צום הויז, וואו דער אנטלאָפענער איז געשלאָפן מיט אַ רואיקן און קלאָרן געמיט.

און ווי דער באַלעבאָס האָט נאָר דערהערט די טריט פון די אָנקומענדיקע און באַלד זיי דערזעען, האָט ער זיך גיך אויפגעהויבן און איז אריין אין הויז.

און, אויפגעוועקט פון שלאָף דעם אנטלאָפענעם, האָט ער געזאָגט:

— ברודער, דו האָסט אָפּגערוט. גיי אַוועק פון מיין הויז און אייל זיך וואָס ווייטער אַפּצוציען. די יעגער זיינען נאָענט...

דער מענטש האָט זיך דערשראָקן און געזאָגט:

— זיי וועלן מיך הארגענען אין וואַלד, איך בין צו לאַנג געשלאָפן בא דיר. איך וועל ניט באַוויזן צו אנטלויפן... ווי איז מיר, איך בין פאַרלאָרן.

נאָר דער באַלעבאָס האָט געענטפערט:

— גיי גיכער. איך וועל זיי דאַ פאַרהאַלטן. פון די טאַטעס און זיי־דעס האָב איך דאָס געבאָט אָפּצוהיטן דעם שלאָף פון דעם אָרעמען, און קיינער האָט נאָך ניט געליטן דערפון, וואָס ער איז אונטער מיין דאַך געשלאָפן.

דער געיאָגטער איז אַוועק אין וואַלד, און דער באַלעבאָס האָט גענומען געווער און זיך געשטעלט אויף דער שוועל.

און די יעגער זיינען צוגעגאַנגען, דערזעען דעם באַלעבאָס און געזאָגט:

— אין דיין הויז געפינט זיך אַ מענטש, וואָס מיר זוכן צו טויטן. גיב אים אונז אַ הער.

אָבער דער באַלעבאָס האָט געענטפערט:

— אייערע פאָטערס און זיידעס האָבן פון שטענדיק געיאָגט אום־שולדיקע, און מיינע עלטערן האָבן מיר פאַרזאָגט אָפּצוהיטן דעם שלאָף פון אַ גאַסט.

דאַן האָבן די מענטשן די שווערדן פון די שיידן ארויסגעצויגן, און דער מאַלאך איז געשטאַנען און גאַרניט פאַרשטאַנען, ווייל זיין נאָ־מען איז געווען „ניט וויסן".

און שטאָל מיט שטאָל האָט זיך באַגעגנט און שאַרף געקלונגען,

און געקריצט, געדונגען זיך אום דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ צווייטנס לעבן פאַרטיידיקט.

און לאַנג האָט די שטאָל געבליצט, געקריצט און געקלונגען, ביז ס'האָט ענדלעך מיט אַ קורץ סיקען ווי פון אַ שלאַנג זיך איינגעביסן אין האַרץ פונם פאַרטיידיקער, און ער איז געפאַלן אַף דער שוועל פון זיין הויז, זיך באַגיסנדיק מיט בלוט...

אָט דאָס בלוט האָט אַ שפּריץ-געטאָן פון דער וואונד און איז געפאַלן אַף דאָס שנייווייסע קלייד פונם מאַלאַך און געבליבן אַף דעם, ווי אַ רויטער פלעק. און דעם מאַלאַך'ס געהער האָט געטראָפן און געמאַכט ציטערן דער גסיסע-קרעכץ פונם מענטשן, וואָס ער האָט אומגעבראַכט איבער זיין אומוויסן.

די יאָגער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אין הויז אַריין און קיינעם דאָרט ניט געפונען און, אַרויסגייענדיק, האָבן זיי געזאָגט צום באַלעבאָס:

— דו האָסט פון אונז באַהאַלטן דעם עמעס, און אָט שטאַרבסטו אַליין.

דער באַלעבאָס האָט געענפערט:

— איך האָב פון אייך דעם עמעס באַהאַלטן, אָבער מיין וואָרהייט איז אָפן פאַר גאָט. איך שטאַרב, באַשיצנדיק דעם שוואַכן, ווי דאָס האָבן געטאָן מיינע פאָטערס און זיידעס. און מיין בלוט פאַרזאָג איך מיינע קינדער און אייערע קינדער.

און מיט די ווערטער איז ער געשטאָרבן. און דער מאַלאַך, וואָס האָט געהערט די אַלע ווערטער, האָט זייער זין ניט פאַרשטאַנען, ווייל „ניט וויסן" איז זיין נאָמען געווען.

נאָר ווי דעם מאַלאַכ'ס בליק איז געפאַלן אַף דאָס רויטע בלוט — האָט דעמס אָפּגלאַנץ זיך אָפּגעשלאָגן אין זיינע אויגן, און זיי האָבן פאַרלאָרן זייער פריערדיקע קלאָרקייט. ער האָט זיי אופגעהויבן אַף די מענטשן מיט אַן אויסדרוק פון צאַאַר און שרעק, און דערנאָך, אין איימע פון טויט, האָט ער זיך אופגעהויבן צום קיסיי-האַקאָוועד און געשטעלט זיך פאַר גאָט. און גאָט האָט אַ קוק-געטאָן אין זיינע אויגן און אַף זיין קלייד...

דער מאַלאַך איז געשטאַנען פאַר אים, און ניט געווען איז אין זיינע אויגן קלאַרקייט, נאָר צומישטקייט, ווייטאַק און כאַרפּע, ווייל ער איז מיט בלוט געווען באַפלעקט. און אומקלאָר זיינען געווען דעם מאַלאַכ'ס אויגן, ווייל פאַרשוואונדן איז שוין אין זיי דאָס רייניע ניט וויסן

פון די אַמאָליקע צייטן, און ניט אופגעגליט נאָך האָבן זיי מיטן פיינ-לעכן באַגרייפן.

און גאָטס געזיכט האָט זיך מיט פינסטערניש פאַרצויגן, און דער מאלאך האט געזאגט מיט פארדרוס:

— אדויגאָי, אדויגאָי!... אָט וואוהין דו האסט מיך, דיין ליבלינג, גע-שיקט... זע, וואס די מענטשן האבן געמאכט פון מיר... אפן הארצן בא מיר איז איצט א שטיין.

אין גאט האט, אפן מאלאך קוקנדיק, זיך צעוויינט:

— אָ, מענטשן, מענטשן! הארטנעקיקער פארביסענער געשלעכט — וואס האט איר מיט מיין ליבלינג געמאכט! ס'איז פול די מאס פון מיין געדולד, און איך וועל שיקן אף אייך מיין שטראָף...

און, צום מאלאך זיך ווענדנדיק, האט ער געזאגט:

— ווי איז עס מיט דיר געשעען — דערצייל, און וואו האסטו דיין קלאָרקייט פארלאָרן?

דאַן האט דער מאלאך דערציילט פאר גאט אַלץ, וואס מיט אים איז געשעען:

— אין וואלד האב איך געזעען א מענטשן אין קייטן, און נאך אייגעם אף דער שוועל פון א הויז. זיי האבן עפעס גערעדט וועגן אָנ-פאל און וועגן שוץ, נאָר איך האב גארניט פארשטאנען, דערנאך איז דער פארמאטערטער מענטש אַרייַן אין הויז, און איך בין אוועקגעפליגן ווייטער... איך האב געוואָלט זיך שטעלן פאר זיי, אבער זיי האבן מיך ניט געזען, זייענדיק מיט עפעס אַנדערש פארנומען געווען...

— זיי האָבן דיין קלאָרקייט ניט געדארפט — האָט גאָט געזאָגט — האָסטו געזאָלט זיך שטעלן פאר די אָנפאלער פריער און פאַר דעם גע-יאָגטן דערנאָך.

— איך האָב ניט געוואוסט — האט דערויף געזאָגט דער מאַלאָך. — און ווייטער האָב איך געטראָפן אַנדערע מענטשן. שווייס און סינע האָבן זיי די אויגן פאַרצויגן. זיי האָבן געפרעגט, ניט קוקנדיק אף מיר — וואו איז דער מענטש אין די קייטן. איך האָב צו זיי אַ שמייכל געטאָן און אָנגע-וויזן אפן הויז...

גאָט האָט דעם קאָפ אַראָפּגעלאָזט און געזאָגט:

— וויי-וויי!. דו האָסט געטאָן ניט דאָס, וואָס מ'האָט גע-דאַרפט.

און דער מאַלאָך האָט דערציילט ביזן סאָף און אויסגעשריגן:

— דו האָסט אַליין מיך אף דער ערד געשיקט, אַליין ביסטו שול-דיק אין דעם. וואס דאָ איז געשעען, ניט איך... איצט נעם אַראָפּ די לאַסט,

וואָס דריקט אָף מיין האַרץ, נעם אַראָפּ פון מיין קלייד אָט די גרוילנ-דיק-מיעסע רויטע פּלעקן!.. מאַך, גרויסער גאָט, איך זאָל ניט וויסן, ווי אַמאָל, אין מיין האַרץ זאָל ווידער הערשן די קלאָרקייט פון הייליקער טמימעס...

נאָר גאָט האָט געענטפערט:

— דו ווייסט אַליין ניט, וואָס דו בעטסט. איך וועל עס ניט טאָן. נאָר איך וועל טאָן אַן אַנדערע זאַך: אַנשטאָט ניט וויסן וועל איך דיר געבן דאָס פיינלעכע פאַרשטיין.

און גאָט האָט דערציילט דעם מאַלאַך, וואָס פאַר אַ בלוט האָט עס זיין קלייד באַפלעקט, און ער האָט אים געזאָגט:

— מיין געבאָט איז, זאָלסט טראָגן דאָס בלוט, ווי אַ רייניקייט. דאָס איז הייליק בלוט, פאַרגאָסן צו שטיצן דעם שוואַכן. און אָט דאָס וויסן איז פיין, און דיין ניט וויסן וועט זיך צו דיר שוין קיינמאָל מער ניט אומקערן...

— אַפילו איך קאָן ניט אָפּמעקן דאָס, וואָס ס'איז איינמאָל אָף די לוכעס פון דער צייט געוועזן אויסגעקריצט, און ניט שוין ווילסטו, אַז נאָך דעם, וואָס ס'איז געוועזן, זאָל אין דיין האַרץ ווייטער הערשן שטילקייט און פרייד? דאָס ווילסטו, דאָס באַגערסטו?...

און ווי גאָט האָט גערעדט, איז פון דעם מאַלאַכ'ס אויגן פאַרשוואונדן די אומרו פון געמיט, און דאָס פיינלעכע פאַרשטיין האָט אופגעגליט אין זיי, און אַ שרעק האָט אים אַנגענומען, און ער איז געפאַלן פאַרן קיסיי-האַקאָוועד, און ער האָט אויסגעשריגן:

— ניין, אַלמעכטיקער!... איך וויל ניט די קלאָרקייט פון ניט וויסן! לאָז מיר אייביק אָף אייביק מיין פיין.

און גאָט האָט אופגעהויבן דעם מאַלאַך און געזאָגט:

— דו וועסט, ווי פריער, מיין ליבלינג בלייבן און מיין ליבע צו דיר וועט נאָך גרעסער ווערן. נאָר פון היינט אָן וועט דיין נאָמען ניט זיין שוין מער „ניט וויסן”, נאָר „גרויסער פיין”...

און דער מאַלאַך איז אופגעשטאַנען און אופגעהויבן די אויגן אָף גאָט, און גאָט האָט ווידער מיט ליבע אַ קוק געטאָן אין די אויגן און דערזען אין זיי — פיין.

און דער מאַלאַך האָט געזאָגט:

— איצט, ריבוינע שעל אוילעם, לאָז מיך ווידער אָף דער ערד אַראָפּ. איך וועל אָוועקטראָגן דאָס הייליקע בלוט פונם צאַדיק צו זיינע קינדער און צו די קינדער פון זיינע מערדער. און זאָל די קלאָרקייט

אין זייערע אויגן, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, מיט פּיין פון באַגרייפן פאַרביטן ווערן.

— און דאַן וועלן די ערשטע זיין גרייט צו שיצן די שוואכע, נאָכן מינהעג פון זייער שטאַם, און זיי וועלן זיך האַלטן אָן דער צאַוואָע פון די עלטערן אַזוי לאַנג, ביז די קינדער פון די אונטערדריקער וועלן פאַרשטיין דעם גאַנצן צאַער, וואָס ס'ברייינגט די צאַוואָע פון זייערע פאָטערס, די געוואַלדטוער.

און, בוקנדיק זיך פאַרן קיסיי-האַקאָוועד, האָט זיך דער מאַלאַך אויפגעהויבן און שטיל מיט די פליגלען פאכען אָנגעהויבן און צו דער ערד זיך אַוועקגעטראָגן. און גאָט האָט מיט ליבע אין בליק באַלייט דאָס שטילע אָפּפליען פון דער פּיין אַף דער ערד.

— —

— —

אין דער צייט, וואָס מנאַכעם האָט אַזוי דערציילט, האָט דערווייל דער אָוונט אָנגעטאַן די ערד אין זיין בלויען טאַליס.

און די ערד האָט פאַרזונקען אין טונקל, אין הימל האָבן זיך אָנגעצונדן גאָטס פייערן, און ווידער האָט די פלאַמענדיקע שווערד אופגעשיינט אין דער הויך, געווענדט צו דער זייט פון יהודע.

און אַלעמענס הערצער זייַנען שטיל און אונטערטעניק געוואָרן, און די נשאָמעס האָט אָנגענומען אַ יירע פאַרן צייכן פון דעם אויבערשטנס ווילן. אַלע האָבן געשוויגן, זיך איינהערנדיק אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז מ'הערט דעם ביין-שטריינגן לויף פונם שטערן אין די אנגרעניצלעכע ווייטן — פון דעם שטערן, וואָס זאָגט אָן עפּעס אונאויסמיידלעכע געשעעניש.

און מנאכעם האָט זיך געשטעלט אַף די טרעפּ פון זיין הויז, אופגעהויבן די הענט צו דער הימלשער בלוי און, איינגאַנצן באַלויכטן מיטן אָפּגלאַנץ פון די הימלשע פייערן, אויסגערופן:

— אַדוינאָי, אַדוינאָי!

דו ווייזט אונז צייכנס, אָבער אַנפלעקסט אונז ניט זייער באַטייט. אַף דער ערד, וואוהין ס'איז איצט געווענדט דער שארף פון דיין צארן, זייַנען היינט דאָ אונטערדריקער און געדריקטע. וועמען וואָרענען דיינע צייכנס — די ערשטע צי די צווייטע?...

רבוינע שעל אוילעם, זאל דיין ווילן געשעען! נאר מיין טפילע מיין הייסע איז צו דיר. נעם אָן זי, דו, וואס זיצסט אין די הימלען און מיט דיין אויג קוקסטו אין די אומענדלעכע צייטן. אין דיר איז

האָפענונג און זיכערקייט, אין דיר — דאָס ליכט פון אַלץ, וואס פאַר-הוילן, אין דיר — שאלעם און אויסגלייך.

און אויב דו, מיט דיין העכסטער כאכמע, זאָסט אין אונזער צייט צום אונטערגיין פארמישפּעט אַ גערעכטיקע זאַך, און נאָך אמאל זאל אופקומען דאס געוואלט, מנאצייאך זיין —

און אויב אונז, די וואס פאַרטיידיקן זיך, איז באשערט צו אומ-קומען, און די רויבער זאלן ווידער אופשטעלן מיזבייכעס פאַר אומוויר-דיקייט אַף דיין הייליקן בארג, —

זאל געשעען!

נאר פארנעם דאך דאס געבעט פון די פארמישפּעטע, פארנעם אונזער געבעט, רבוינע שעל אוילעם!

זאל קיינמאל אין אונז ניט פארגעסן ווערן דער געבאט צו קעמפן פאַרן עמעס.

זאל קיינמאל צווישן אונז קיינער ניט זאגן: מירן בעסער מאצל זיין זיך אליין, איבערלאזנדיק דעם שוואכן אַן שוץ.

זאל קיין איין קלאפ אונזערער ניט זיין געווענדט קעגן אַן אומ-שולדיקן.

זאל קיינמאל אונזער האנט זיך ניט אופהויבן צו פארשוועכן פרעמדע הייליקייטן, געדיינקענדיק וואויל אַן אונזערע אייגענע הייליקייטן.

זאָלן אונזערע געדאנקען זיין לויטער, קדיי די טריט אונזערע צו ווענדן אַף די שטעגן פון עמעס, און די קראפט פון האנט — צו באשיצן און ניט צו אונטערדריקן.

און ווען די אויגן אונזערע וועלן זיך שליסן אין דער לעצטער מינוט פארן טויט — נעם ניט אפּ בא אונז, ריבוינע שעל אוילעם, דעם גלויבן אין ניצאָכן פון גערעכטיקייט אַף דער ערד.

מיר זאלן וויסן, אַז דער געזעץ פון עמעס איז אייביק, ווי ס'איז אייביק דער געזעץ פון דער נאטור: אַט ברענט היינט אַ מוירע-צייכן אין דער הימלשער בלוי, נאר ער וועט אַוועק און פארשווינדן. און די מילדע לוואנע, וואס מ'מערקט איר היינט קאָם, וועט אין איר צייט אופגיין איבער דער ערד — פון אייביק ביז אייביק.

און ווען די שאָ פון דיין ווילן וועט שלאגן, און מיר וועלן אומ-קומען, זאל דער מאלאך פון פיין מיט זיין פליגל באשירמען אונזערע קווארים און דערציילן וועגן אונז אונזערע קינדער און די קינדער פון די סאנים אונזערע, קדיי אויך אונזער טויט זאָל דער גערעכטיקער זאַך דינען.

און איך גלויב, אָ, אדוינאָי, אַז אַף דער ערד וועט קומען דיין הערשאפט!...

עס וועט אופהערן געוואלט, די פעלקער וועלן זיך צונויפגיין אַפן „אָנמעזו" פון ברידערלעכקייט, און קיינמאָל וועט שוין נים גיסן זיך מענטשנס בלוט פון מענטשנס האַנט.

דענסטמאָל וועט דער מאלאך פון פיין מיט מעכטיקן פליגל פרייד-פול צום הימל זיך אופהויבן, און אַף דער ערד וועט זיין שאָלעם און פרייד.

זאָלן דאַן די מענטשן זיך דערמאָנען אָן אונז, אומגליקלעכע, וואס האָבן אין אַן אַכזאָריעסדיקער צייט זייער בלוט פארגאָסן נים צו אונטער-דריקן, נאָר צו באפרייען. אָמיין!